

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה״צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ״ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ׳ שופטים
תשפ״א לפ״ק
גליון קפ״ב

## פראגע

### פארוואס זאגן מיר ״לדוד ד׳ אורי״ אום חודש אלול?

## ענטפער:

חודש אלול איז א חודש ווען מען דארף זיך גרייטן. מען קען נישט סתם אריינשפאצירן צום מלך און זאגן, ״דא בין איך. זיי מיך דן.״ מען דארף האבן א **הכנה ליום הדין**; מען דארף זיך גרייטן צום פארכטיגן טאג ווען מען גייט שטיין פאר׳ן משפט. און דער מזמור פון ״לדוד״ רעדט וועגן די מורא הדין, וועגן די באוואוסטזיניגקייט און מורא מיט וואס מען דארף זיך גרייטן.

אלזא, ווען מען דערמאנט מורא הדין איז די ערשטע זאך וואס מען דארף וויסן אז דער אויבערשטער דארף זיין ״אורי וישעי״. עס מיינט אז דער אויבערשטער איז **״אורי״** – מיין ליכטיגקייט, מיין שכל. מיר טראכטן וועגן אים און ער דערלייכט די מח; אונזער גאנצע וועג פון קוקן אויף דער וועלט איז דורך די ליכטיגקייט און אנווייזונגען פונעם אויבערשטן. און צוליב דעם איז ער אויך **״ישעי״** – מיין העלפער; דאס מיינט אז מיר וויסן אז סיי-וואס עס פאסירט צום מענטש, איז עס פאר זיין תועלת. אלעס איז לטובה.

מען דארף האבן ביידע זאכן: ער איז ״אורי״ – ער דערלייכט מיין שכל, און ״ישעי״ – איך ווייס אז די מעשים וואס ער טוט איז פאר מיין תועלת. יעצט אז איר ווייסט דאס, קענט איר זאגן **״ממי איראה?״** – וויאזוי קען איך מורא האבן? מען דארף ארבעטן דערויף. איר דארפט ארבעטן אריינצונעמען אין קאפ אז דער אויבערשטער איז אורי וישעי, צו טראכטן פון אים כסדר און וויסן אז אלעס וואס ער טוט איז פאר אייער בענעפיט, און דערנאך וועט איר קענען זאגן ״איך האב נישט מורא.״ עס איז משמע אז טאמער מען אנערקענט נישט דעם אורי וישעי דארף מען יא מורא האבן. אויב האט מען נישט קיין סיבה צו בארעכטיגן די פארזיכערונג, דארף מען ציטערן פונעם יום הדין.

במילא רעדט דער מזמור פון וואס מיר דארפן מורא האבן. עס דערמאנט נאכאנאנד אז מיר זענען ארומגענומען מיט שונאים, און דער יצר הרע איז זייער א גרויסער שונא; ער איז דער גרעסטער שונא וואס דארף אונז באזארגן ווייל ער נעמט אונז אלעמאל ארום. און דער מזמור דערמאנט אונז אז מיר זענען אין א חודש וואס מיר דארפן זיין גרייט זיך צוריקצושלאגן מיט׳ן יצר הרע און מאכן א הכנה צום יום הדין.

אויב וואלט איך געהאט צייט וואלט איך גענומען א סידור און דורכגעגאנגען דעם גאנצן מזמור, אבער בכלליות איז דאס דער געדאנק פון דעם קאפיטל. (E-123#)

## פראגע

### זאל א פרוי אוועקגעבן איר גאנצע לעבן אדער קאריערע פאר אירע קינדער?

## ענטפער:

**קינדער זענען די קאריערע** פון א פרוי. דער אמת איז א פרוי האט זייער א גרויסע קאריערע. עס איז א גרויסער טעות צו מיינען א פרוי איז בלויז א מענטש וואס ארבעט אין די הויז. א פרוי וואס טוט די אויפגאבעס אין איר הויז מיט די ריכטיגע כונה קען ווערן אן אויסערגעווענליכע **עובדת השם.**

ווען זי לייגט אראפ די עסן אויפ׳ן פייער טראכט זי: ״רבונו של עולם, איך טו דיין רצון כדי צו שפייזן אן ערליכע משפחה.״ דער אויבערשטער באטראכט די עבודת השם גארנישט וויניגער ווי ברענגען א קרבן אויפ׳ן מזבח. די אידישע טיש, די שולחן, איז א מזבח. אזוי זאגט די גמרא (ברכות נה א). ווען זי גיבט איבער די ברויט פאר איר קינד; ״נותן לחם לכל בשר״ – איר האנט איז יעצט די האנט פון השי״ת טראכט וועגן דעם.

אויב א פרוי לערנט זיך צו טראכטן די נאבעלע מחשבות אז זי דינט השי״ת אין אלע זאכן וואס זי טוט, ווערט זי ממש א

שליח פונעם באשעפער. קיין שום שאלה דערוועגן. זי קען ווערן אזוי גרויס ווי די גרעסטע צדיקים, ווי די גרעסטע בארימסטע רבי'ס און ראשי ישיבות, אין איר אייגענע וועג, אויב נוצט זי אויס די געלעגנהייטן. אבער מיט איין תנאי: אז זי טראכט לשם שמים.

ווען זי וואשט קליידער און ווינדלען פאר קינדער דינט זי השי"ת און זי באקומט אן אויסטערלישער שכר – גארנישט וויניגער ווי א צוויטן. אויב זי שיקט איר קינד לערנען אין חדר, איז פונקט ווי זי לערנט מיט אים. ווען זי שיקט איר מאן לערנען אין ישיבה איז זי א הונדערט פראצענט שותף. "נשים במאי זכיין" (ברכות, יז א), זי איז מחזק איר מאן און קינדער צו לערנען, און זי טיילט זיך מיט די זכותים גלייך אויף גלייך.

במילא האבן זיי זייער אסאך געלעגנהייטן צו זיין אן עובד ד' און דער איבערשטער אין גן עדן וועט זיי זעצן אויף גאלדענע שטולן, גארנישט וויניגער ווי די שטולן פון די גרעסטע צדיקים.

## פראגע

## אויב די געזעלשאפט ווערט מער און מער נידריג און קארופטירט, וויאזוי וועט משיח קומען?

## ענטפער:

אייגנטליך האבן מיר **יעצט** זייער א גרויסע געלעגנהייט. די גמרא (פסחים, קיג, ע"א) זאגט, א רווק - אן אומפארהייראטער מאן וואס וואוינט אין א גרויסע שטאט און ער טוט נישט קיין עבירות גייט באקומען זייער א גרויסער שכר. דאס מיינט נישט אז ער גייט באקומען שכר פאר'ן נישט חתונה האבן, פארקערט, ער דארף זיך צויאגן און חתונה האבן. אבער לאמיר זאגן אז דערווייל האט ער נאכנישט געטראפן זיין זיווג, ער ווארט און ווארט און ער איז נאכנישט חתונה געהאט, פון דעסט וועגן פירט ער זיך אויף ערליך, גייט ער באקומען מער שכר ווי ער וואלט ווען באקומען ווען ער איז יא חתונה געהאט, ווייל ער גייט דורך גרעסערע נסיונות.

אין א גרויסע, נידריגע שטאט, אויב זענען פאראן ערליכע מענטשן, איז עס **א גלארייכע געלעגנהייט צו שטייגן**, און היינט צו טאגס האבן מיר א געלעגנהייט וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען. אמאליגע צייטן, לאמיר זאגן 60 יאר צוריק, וואלט זיך א מענטש געקענט קלאפן אויף די פלייצע פאר'ן נישט זיין קיין אויסווארף? די וועלט האט עס נישט געדולדעט. א מושחת האט נישט געהאט קיין פלאץ אין געזעלשאפט.

היינט איז די גאס געפאלן אזוי נידריג, אז ס'איז גרינגער צו באקומען שכר פאר'ן זיין ערליך. איר זענט אן אנשטענדיגער מענטש, איר היט די תורה, טראץ די ים פון שמוץ און אויף אלע זייטן? טראץ די שמוץ און הבלים פון איבעראל ארום גייט איר אויפ'ן גלייכן וועג, איר לעבט אנשטענדיג און ריין, איר האלט די תורה? צי ווייסט איר ווי גרויס די חשיבות איז!? איר ווערט רייך! איר ווערט אנערקענט, איר ווערט אויסדערוועלט דורך השי"ת, ווייל ווי גרעסער ס'איז דאס התנגדות צו ערליכקייט, אלס גרעסער איז דער שכר פאר'ן עס טון.

עס מיינט אודאי נישט אז ס'איז א מצוה זיך צו דרייען אויף שמוציגע פלעצער, עס מיינט נישט איר זאלט ליינען דעם ניו יארק טיימס, קוקן אויף די טעלעוויזיע און לאזן אלע זוהמה אריינקומען אין אייער מח און שטוב, אבער אין א געוויסן זין קען מען זיך נישט העלפן. די טומאה איז אויפ'ן גאס. דערפאר, טאקע היינט צו טאגס, אויב וועט זיין א קבוצה אידן וואס וועלן זיך שלאגן פאר די אמת פון די תורה, טראץ די התנגדות פון די סביבה, וועלן זיי ברענגען משיח! עס איז פיל גרינגער צו ברענגען די גאולה אויף דעם וועג.

איך וועל אייך זאגן נאך א וועג וויאזוי צו ברענגען די גאולה. דער אלטער ליובאוויטשער רבי, ר' יוסף יצחק זצ"ל, האט פארגעזאגט אז די גאולה וועט קומען אין א געוויסע יאר. יענער יאר איז אנגעקומען און דורכגעגאנגען און משיח איז נישט געקומען. אסאך מענטשן זענען געווען זייער אנידערגעשלאגן.

אבער איך האב געזאגט, ער האט יא געברענגט די גאולה! ער האט געברענגט די גאולה פאר זיך, ער האט אויפגעטון א געוואלד און געברענגט די גאולה צו זייער אסאך אידן וועם ער האט געראטעוועט פון פארלוירן גיין אין אמעריקע.

וואס וועט עס העלפן ווען משיח וועט קומען בשעת אזויפיל אידן זענען פארלוירן געגאנגען? פאר'ן מענטש פערזענליך איז די וויכטיגסטע גאולה וואס געשעט צו אים אליינס. במילא טראצדעם וואס מיר האפן אויף ביאת משיח, און לאמיר האפן אז ער וועט קומען ווי שנעלער, אבער אין די זעלבע צייט קענט איר ברענגען די גאולה צו זיך אליינס. און אויב מיר דארפן ארויפגיין צו די קומענדיגע וועלט נאך בעפאר משיח קומט, אבער מיר האבן געלעבט א מוצלח'דיגע לעבן, דאן זייט נישט באזארגט וועגן משיח. איר האט שוין דערגרייכט די גאולה אין אייער לעבנס-טעג.

מיר לעבן בלויז פאר משיח? יעדער יחיד לעבט פאר זיין הצלחה אין רוחניות, און דאס איז משיח אין אייערע טעג.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

## די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**